**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באמיאונג צו פארמיידן מינדעריעריג טרונקען און אנגעטרונקענע דרייווינג דורכאויס דעם זומער קאנצערט סעזאן**

***דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס פארשער וועלן נאכקוקן פאר פאלשע ID׳ס ביי פאפולערע קאנצערט ערטער***

***אינפארסירונג באמיאונגען העלפן שטיצן געזונטערע אויסוואלן צווישן יונגע ניו יארקער און פארשטערקערן זיכערהייט אויף שאסייען***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס אויספארשער פירן אויס אינפארסירונג אונטערנעמונגען אפצושטעלן דאס באניץ פון פאלשע ID׳ס פאר׳ן קויפן אלקאהאל ביי זומער קאנצערטן. באקאנט אלס אפעראציע ׳פרעווענט׳, די באמיאונג רעכנט אויך אריין פארשער פון דער סטעיט ליקוּר אויטאריטעט, סטעיט פאליציי, סטעיט פארקס פאליציי און ארטיגע געזעץ אינפארסירונג. דורכאויס דעם קאמפיין, ווערן אינפארסירונג אקציעס דורכגעפירט ביי צוזאמקונפט ערטער לענגאויס דעם סטעיט.

״זען לעבעדיגע מוזיק איז א וואונדערבארע דורכלעבעניש, און ניו יארק האט אזויפיל גאר גוטע צוזאמקונפט ערטער איבער׳ן סטעיט, אבער איך מוטיג יעדן זיך צו פרייליך האלטן מיט פאראנטווארטליכקייט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר ווילן אז ניו יארקער זאלן געניסן פון די צוזאמקונפט פראגראמען זיכערערהייט, און די אינפארסירונג באמיאונג וועט זיין העכסט-נייטיג צו העלפן פארמיידן מינדעריעריגע קאנצערט-גייער פון קויפן אלקאהאלישע געטראנקען און פאטענציעל זיך זעצן הינטערן רעדל.״

אפעראציע ׳פרעווענט׳ אינפארסירונג אקציעס וועלן דורכגעפירט ווערן ביי דעם סאראטאגע פארשטעלונגס-קונסט צענטער, נארטוועל העלט ביי דזשאנס ביעטש טעאטער, דעריען לעיק פארשטעלונגס-קונסט צענטער, CMAC אין קאנאנדייגווא און דער לעיקוויו אמפיטעאטער אין סירעקיוס, ווי אויך אנדערע ערטער וואו מינדעריעריגע קאנצערט-גייער זענען אויסן זיך צוזאמצוקומען.

**׳דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס׳ קאמיסיאנער און פארזיצער פון דער גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע פון ניו יארק מארק דזשעי. עף. שראודער האט געזאגט,** ״אונזערע אויספארשער זענען עקספערטן אין דערווישן פאלשע ID׳ס. עס קען מעגליך אויסזען רעאליסטיש פאר אייך, אבער זיי ווייסן וויאזוי צו אנערקענען די סימנים פון א פאלשע דאקומענט. מיר זוכן נישט צו שטערן קיינעם׳ס פארברענגעניש. מיר זוכן צו האלטן יעדן אפגעהיטן.״

**סטעיט ליקוּר אויטאריטעט פארזיצער ווינסענט ברעדלי האט געזאגט,** ״אזוי ווי מינדעריעריגע טרונקען פירט צו צעווילדעוועטע אויפפירעכטס וואס קען זיך ענדיגן אין סכנות׳דיגע, לעבנסלאנגע

תוצאות, בלייבט דער SLA אנטשלאסן צו ארבעטן מיט אונזערע מיטארבעטער אין דעם DMV און אין ארטיגע געזעץ אינפארסירונג אוועקצוהאלטן אלקאהאלישע געטראנקען פון די הענט פון מינדעריעריגע יוגנטליכע.״ דורך ארבעטן געמיינזאם קענען מיר אפרעדן סיי ביזנעסער פון פארקויפן פאר מינדעריעריגע און סיי יונגע ניו יארקער פון פרובירן צו קויפן אלקאהאלישע געטראנקען ניצנדיג פאלשע ID׳ס.״

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** ״מינדעריעריגע טרונקען און דאס באניץ פון פאלשע ID׳ס דורך מינדעריעריגע צו קויפן אלקאהאלישע געטראנקען וועט מען נישט טאלערירן. זיכערהייט איז אונזער הויפט פריאריטעט, און דער ניו יארק סטעיט פאליציי וועט זיין פלייסיג אין ארבעטן אפצורעדן, דערווישן און כאפן מינדעריעריגע טרונקער. איך וויל דאנקען אונזערע צוזאמארבעטער פאר זייער מיטגעטיילטע אנטשלאסנקייט אין לייגן א סוף צו מינדעריעריג טרונקען און די טראגישע ווירקונגען וואס עס קען האבן.״

**אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמיסיאנער טשינאזא קונינגהעם האט געזאגט,** ״אלקאהאלישע געטראנקען באניץ דורך יוגנטליכע און יונגע ערוואקסענע קען האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף זייער גייסטישע און פיזישע געזונט און פעאיגקייט צו מאכן זיכערע באשלוסן. ווען עס קומט צו מינדעריעריגע אלקאהאלישע באניץ, האבן עלטערן און אנדערע אויפפאסנדע ערוואקסענע די ווירקזאמסטע השפעה. מאכט א פלאן אינאיינעם צו העלפן אייער פאמיליע זיך פרייען דעם זומער זיכערערהייט.״

קאסטומערס אונטער׳ן עלטער פון 21 וועלכע וועלן געפונען ווערן ניצנדיג פאלשע ID׳ס צו קויפן אלקאהאלישע געטראנקען קענען באקומען א טיקעט און זייערע לייסענסער קענען צוגענומען ווערן פאר א מינימום 90 טעג אדער ביז איין יאר.

אפעראציע ׳פרעווענט׳ ווערט געשטיצט דורך דער גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע. די קאמיטע קאארדינירט טראפיק זיכערהייט אקטיוויטעטן אין ניו יארק, און עס טיילט אויס פעדעראלע הייוועי זיכערהייט גרענט געלטער צו ארטיגע, סטעיט און נאָנפראָפיט אגענטורן פאר פראיעקטן צו פארבעסערן הייוועי זיכערהייט און רעדוצירן טויטפעלער און ערנסטע שעדיגונג צוליב צוזאמשטויסונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418